אָבער איז ער אַריינגעגאַנגען אין דער שול און
20 האָט גערעדט צו די יידן. און ווען זיי האָבן
אים געבעטן צו בלייבן אויף אַ לענגערער צייט,
21 האָט ער נישט איינגעשטימט; נאָר האָט זיך געזעגנט
און געזאָגט: איך וועל ווידער קומען צו אייך, אם
ירצה השם; און האָט זיך אַוועקגעשיפט פון עפעזוס.
22 און קומענדיק קיין קיסריה, איז ער אויסגעשטיגן
און האָט אָפּגעגעבן שלום דער קהלה, און איז אַראָפּ
23 קיין אַנטיאָכיען. און נאָך דעם ווי ער האָט (דאָרטן)
פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט, איז ער אַוועק, און איז
אַדורכגעגאַנגען כסדר די געגנט פון גאַלאַטיען און
פריגיען, שטאַרקנדיק אַלע תלמידים.

24 און אַ געוויסער ייד, מיטן נאָמען אַפּאָלאָס,
געבוירן אין אַלעקסאַנדריען, אַ געלערנטער מאַן,
מעכטיק אין די כתבי (הקודש), איז געקומען קיין
25 עפעזוס. דער דאָזיקער איז געווען געלערנט אין
דעם וועג פון דעם האַר; און זייענדיק אייפעריק
אין גייסט, האָט ער גערעדט און געלערנט גענוי
וואָס שייך ישוען, הגם ער האָט בלויז געקענט
26 די טבילה פון יוחנן; און האָט אָנגעהויבן צו רעדן
מיט פתחון־פה אין שול. ווי אָבער פריסקילאַ און
עקילס האָבן אים געהערט, האָבן זיי אים גענומען
צו זיך, און אים נאָך גענויער קלאָר געמאַכט
27 דעם וועג פון ג־ט. וועלנדיק אָבער גיין קיין
אַכאַיאַ, האָבן די ברידער אים צוגעגעבן מוט,
און געשריבן צו די תלמידים, אַז מען זאָל אים
אויפנעמען; און ווען ער איז אַהינגעקומען, האָט ער
פיל געהאָלפן די, וואָס האָבן געגלויבט דורך דעם
28 חסד; וואָרום מיטן גאַנצן כח האָט ער געהאַלטן
וויכוחים מיט די יידן, אויפווייזנדיק עפנטלעך פון
די כתבי (הקודש), אַז ישוע איז דער משיח.